# עונג יום טוב



גוט יום טוב אלע אידן. איינע פון די עיקרים פון פסח איז דער קרבן פסח. ביז די בית המקדש וועט זיך אויפגעבויעט ווערן בקרוב, קען מען נישט מקריב זיין קיין קרבן פסח. אבער, זאגן די ספרים הקדושים אז היינטיגע טעג קען מען יוצא זיין דעם חיוב פון ברענגען א קרבן דורך טון חסד פאר א צווייטען.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש, אז ר' יוחנן איז אמאל געגאנגען מיט ר' יהושע אין ירושלים. ווען זיי האבן געזען דעם חורבן פון דער בית המקדש, האט ר' יהושע געזאגט, "ווי איז מיר... אז די פלאץ וואס האט אמאל מכפר געווען אויף אונזערע חטאים איז יעצט נחרב געווארן." "מיין זון," האט ר' יוחנן געזאגט, "מיר האבן אן אנדערע וועג צו באקומען א כפרה וואס איז גלייך צו דער בית המקדש, און דאס איז גמילות חסדים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, 'כי חסד חפצתי ולא זבח וגו' – זאגט דער אויבערשטער, חסד וויל איך, נישט קרבנות. (הושע ו,ז) (אבות דרבי נתן פרק ד, מובא בספר "ואהבת לרעך כמוך", פרשת ויקרא, מאת ר' זעליג פליסקין שליט"א.) די פאלגענדע שיינע פסח מעשה ווייזט ווי איין איד האט געברענגט זיין קרבן פסח דורך טון א חסד פאר א צווייטען.

ר' ישועה איז געווען א חשובער תלמיד חכם וואס האט געלעבט אין ירושלים עטליכע יארן צוריק. ער איז געווען א שטילער מענטש. ער האט נישט גערעדט אסאך, אבער ער האט געטון אסאך חסדים פאר אנדערע. רוב חסדים וואס ער האט געטון פאר אנדערע אידן קען מען נישט אויסרעכענען, ווייל ער האט עס פשוט געטון אזוי שטילעהייט, אז די טובות וואס ער האט געטון זענען קיינמאל נישט ענטפלעקט געווארן. די פאלגענדע מעשה איז אבער איינע פון די מעשיות פון יהושע'ס צדקות וואס איז ב"ה נתגלה געווארן.

די מעשה איז געשען עטליכע יארן צוריק אין ירושלים. עס איז ליידער געשען אמאל א מוראדיגע אומגליק אין "בתי ברוידי" (א גרופע דירות אין ירושלים.) נעבעך א אינגערמאן איז נסתלק געווארן ערב פסח, לאזענדיק א שטוב מיט קינדער, ל"ע. ווען ער האט געלעבט, האט דער אינגערמאן זיך אייביג געמוטשעט מיט פרנסה. יעצט פארשטייט זיך אז דער מצב איז געווארן נאך מער ענג אין שטוב. ווייל פשוט, עס איז נישט געווען קיינער וואס וועט אהיימברענגען פרנסה. די צובראכענע פרוי האט נישט געוואוסט וואס וועט זיין.

אויסער די שוועריגקייטן מיט פרנסה און די שווערע אבידה וואס זיין האבן געשפירט, איז געווארן א יעצטיגע פראבלעם. ווער וועט פירן דעם סדר אין פסח נאכט? די פרוי האט געדארפט א ישועה. "נו," האט זי געזאגט פאר זיך, "פסח איז דאך דער צייט פון ישועות."

ר' יהושע איז געוואר געווארן וועגן דעם מצב, און ער האט זיך גלייך גענומען טראכטן וועגן א וועג ווי אזוי צו קענען העלפן דער צובראכענער פרוי און יתומים. ר' יהושע האט געזוכט איינער וואס איז גרייט געווען צו פארלאזן זיין אייגענע סדר און גיין צו יענער משפחה'ס הויז צו פירן זייער סדר. אבער, ווי מער ער האט געזוכט עמיצן, האט ער קיינעם נישט געטראפן. סוף כל סוף, עטליכע שעות פאר די זמן, האט ער ב"ה געטראפן איינער א בן תורה, וואס האט נישט געהאט קיין משפחה אין ארץ ישראל. דער איד האט מסכים געווען צו גיין פירן דעם סדר ביי יענער משפחה.

אויף זיין וועג ארויס פון זיין שטוב צו גיין דאווענען מנחה ערב פסח, האט ר' יהושע געזאגט פאר זיין בני בית אז ער האפט צו זיין אינדערהיים פונקטליך צו קענען אנהייבן דעם סדר, אבער, אויפן וועג אהיים פון שול, וויל ער מאכן זיכער אז דער איד איז טאקע אנגעקומען צו יענער משפחה צו פירן דעם סדר. נאכדעם וואס ער האט אלעס מברר געווען, וועט ער גלייך אהיימקומען.

ווען ער איז געקומען אין שול, האט ער געזוכט יענעם איד, אבער, ער האט אים נישט געטראפן. אפשר האט דער איד פארגעסן? אפשר האט ער געדאווענט אין אן אנדערען שול? דאס איז נישט אזוי מסתבר געווען, ווייל די צוויי האבן קובע געווען זיך צו טרעפן נאכן דאווענען און גיין צוזאמען צו דער אלמנה'ס דירה.

נאכן דאווענען האט ר' יהושע נאכאמאל געזוכט דעם איד, אבער ער האט אים נישט געטראפן. ר' יהושע האט אהיימגעשיקט זיינע קינדער, זאגענדיק פאר זיי אז זיי זאלן איבערגעבען אינדערהיים אז ער וועט באלד אהיימקומען. נאכדעם איז ער אליינס געגאנגען צו "בתי ברוידי" ווייל אפשר איז דער איד אליינס געגאנגען צו יענער משפחה.

אבער, ווען ער איז אנגעקומען צו בתי ברוידי, האט ער אויך נישט געטראפן דעם איד. ווען ר' יהושע איז אריינגעקומען אין די דירה פון יענער אלמנה, האט ער געזען ווי די קינדער לויפן ארום און די אלמנה גייט אהין און צוריק באזארגט, ווייל זי האט נישט געוואוסט פון וואו וועט קומען די ישועה, ד"ה ווער וועט פירן די סדר?

נאכדעם וואס ר' יהושע האט געווארט א שטיק צייט, האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט אליינס פירן דעם סדר פאר די משפחה. ער האט צוזאמענגערופן די משפחה צו דעם טיש און ער האט אנגעהויבן צו מאכן קידוש און צו פירן דעם סדר – אלעס בשעת זיין אייגענע משפחה מיט זיין מאמע האבן געווארט אויף אים אינדערהיים.

ער האט געפירט די סדר מיט יענער משפחה אבער ער האט נישט געגעסן די סעודה מיט זיי. ער האט געמאכט די סדר לעבעדיק מיט זמירות און אינטערסאנטע דברי תורה וואס אפילו די קליינע קינדער האבן געקענט פארשטייען. די גאנצע משפחה האט זיך מחיה געווען דורך ר' יהושע'ס ווארעמקייט.

ווען ער האט זיך אויפגעשטעלט פון דעם טיש, זענען די קליינע קינדער שוין לאנג צוריק איינגעשלאפן, ווייל דער סדר האט גענומען נאנט צו דריי שעה! די אלמנה האט אים שטארק באדאנקט און ער איז ארויסגעגאנגען פון דער דירה.

ווען ער איז אנגעקומען צו זיין אייגענע דירה האט ער געזען ווי זיין בני בית, זיין מאמע און זיינע קינדער זיצן ביים טיש ווארטענדיק אויף אים. אויף איין זייט האבן זיי אלע פארשטאנען וואס האט לכאורה פאסירט ביי דער אלמנה, און זיי האבן זיך געפרייט אז ר' יהושע האט געקענט טון אזא ריזיגע מצוה מחיה צו זיין אן אלמנה מיט יתומים. אויפן אנדערען זייט, האבן זיי נישט אזוי גוט פארשטאנען ווי אזוי זייער טאטע האט געקענט אלעס טון אויפן חשבון פון זיין אייגענע משפחה, וואס האבן געווארט דעם גאנצען יאר צו דער סדר נאכט.

עס איז געווען שוין צו שפעט צו רעדן וועגן דעם, דעפאר האט ר' יהושע גלייך אנגעהויבן דעם סדר מיט זיין אייגענע משפחה. זיי האבן אלעס געטון מיט גרויס זריזות כדי צו קענען ענדיגען דעם סדר בעפאר חצות. נאכדעם וואס די סדר האט זיך געענדיגט, זענען די קינדער צוגעקומען צו זייער טאטען און זיי האבן אים געפרעגט מיט גרויס דרך ארץ, "טאטי, מיר פארשטייען אז דו האסט געוואלט ארויסהעלפן יענער צובראכענער אלמנה און אירע משפחה, אבער וואס איז וועגן דיין אייגענע משפחה? מיר האבן געווארט דא שעות! און נישט נאר דאס, אבער וואס איז וועגן דיין מאמע? זי איז אן עלטערע פרוי און זי איז דאך אויך אן אלמנה! פארוואס האסטו מקדים געווען יענע אלמנה פאר די אלמנה דא אין אונזער שטוב?"

ר' יהושע האט גאנץ גוט פארשטאנען זייערע פראגעס, ווייל זיי זענען געווען גוטע קשיות! "מיין טייערע קינדער, אייערע קשיות זענען ריכטיג... און כדי אייך צו קענען ענטפערן, דארף איך יעצט פארציילן א מעשה וואס איז געשען אסאך יארן צוריק מיט דעם חזון איש. די מעשה גייט אזוי..." *המשך יבוא.* גוט יום טוב **אלע אידן**.

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**גוט שבת אלע אידן.** *המשך פון פאריגע אויסגאבע...* ר' יהושע האט גאנץ גוט פארשטאנען זייערע פראגעס ד"ה פארוואס האט ער מקדים געווען יענע משפחה פאר זיין אייגענע משפחה. "מיין טייערע קינדער, אײַרע קשיות זענען ריכטיג... און כדי אייך צו קענען ענטפערן, דארף איך יעצט פארציילן א מעשה וואס איז געשען אסאך יארן צוריק מיט דעם חזון איש. די מעשה גייט אזוי..."

אסאך יארן צוריק ווען ר' יהושע איז געווען א בחור, האט ער געלערנט אין א ישיבה אין בני ברק. צווישען דעם חברה איז געווען א עלטערער בחור וואס האט נאך נישט געטראפן א שידוך. איין טאג האט הרה"ג דער חזון איש זצ"ל גערופן ר' יהושע און די אנדערע בחורים אין ר' יהושע'ס חברה, צו קומען צו אים. באלד דערנאך זענען די בחורים געגאנגען צו דער היים פון דעם חזון איש זצ"ל.

נאכדעם וואס דער חזון איש האט זיך אינטערעסירט אין די בחורים, האט ער געזאגט פאר די בחורים, "אזוי ווי איר זענט חברים פון דעם בחור (וואס מוטשעט זיך מיט שידוכים), עס ליגט אויף אייך א חיוב צו טון שתדלנות פאר אים ווי מער ס'איז שייך צו טרעפן א שידוך."

דער חזון איש האט מדגיש געווען די וויכטיגקייט פון דער מצוה צו העלפן דעם בחור. דערפאר האט דער גדול שטארק גערעדט צו די בחורים אז זיי זאלן זיך טאקע ארײַנלעגן שטארקע כוחות אין העלפן דעם בחור. די בחורים האבן געפאלגט דעם חזון איש און זיי האבן זיך ארײַנגעטון אין דער מצוה. ב"ה, אז נאך א שטיק צייט האבן זיי טאקע מצליח געווען צו טרעפן א שידוך פאר יענעם בחור. דער חברה איז געווארן איבערגענומען מיט גרויס שמחה און זיי האבן נישט געקענט ווארטן צו קענען איבערגעבן די גוטע בשורה פאר דעם חזון איש. זיי זענען געלאפן צו דעם צדיק'ס הויז אים צו מודיע זיין אז זיי האבן מצליח געווען מיט דער ארבעט וואס דער חזון איש האט זיי געהייסן טון.

דער חברה האט געזאגט פאר דעם חזון איש אז די תנאים קומט פאר שפעטער די נאכט. דער חזון איש האט געזאגט פאר זיי אז ער וויל טאקע קומען. דעפאר, האט ער געבעטן פון די בחורים אז זיי זאלן קומען רופן אים ווען די גאנצע עולם שטייט גרייט ביי די תנאים.

שפעטער די נאכט, זענען די משפחות צוזאמענגעקומען אין א געוויסע הויז. דער עולם איז געווען גרייט, און ר' יהושע מיט אן אנדערען בחור זענען געגאנגען רופן דעם חזון איש, אזוי ווי ער האט געהייסן. ווען די צוויי בחורים זענען אנגעקומען צו דעם חזון איש'ס דירה, האבן זיי באמערקט אז די טיר איז געווען אפען. דעפאר האבן זיי געקלאפט שטילערהייט און דאן זענען זיי ארײַנגעקומען.

זיי האבן געזען ווי דער חזון איש האט געהאלטן אין מיטן רעדן מיט א מאן און דעם מאנ'ס פרוי. דער חזון איש האט באמערקט אז די צוויי בחורים זענען ארײַנגעקומען, אבער ער האט גארנישט געזאגט פאר זיי. זיי האבן געזען ווי דער חזון איש איז געווען אינגאנצען פארנומען מיט דעם מאן און פרוי. צוליב דעם, האבן די בחורים נישט געוואלט שטערן דעם גדול. זיי האבן זיך פארגעשטעלט אז לכאורה וועט דער רב באלד ענדיגען און נאכדעם וועט ער קומען מיט זיי צו די תנאים. אבער, נאך א שטיק צייט, האבן די בחורים געזען אז דער חזון איש יאגט זיך נישט.

דער מאן און זיין פרוי האבן געהאלטן א לאנגע ליסט פון זאכן, אזוי ווי מיני פאדעם, קנעפלעך, נאדל, וכו' און זיי האבן געליינט פון דער ליסט. דער מאן האט אויסגערופן א זאך פון דעם ליסט, און דאן האט זיין פרוי געפרעגט דעם חזון איש, "זאלן מיר האלטן דעם אין אונזער געשעפט?" טאמער דער חזון איש האט געענטפערט "ניין," איז דער מאן געגאנגען ווייטער מיט דעם ליסט. טאמער דער חזון איש האט געזאגט "יא," דאן האט איינער פון די צוויי מענטשן געפרעגט דעם חזון איש, "וויפיל זאל מען באצאלן פאר עס?... איז דאס די ביליגסטע פרייז וואס מען קען פארשאפן די זאך?"

נאכאמאל און נאכאמאל האבן זיי געפרעגט די זעלבע פראגעס פאר יעדע זאך אויפן ליסט. מיט גרויס סבלנות האט דער חזון איש ארײַנגעטראכט אין יעדע זאך טאמער זיי זאלן עס האלטן אין געשעפט אדער נישט.

סוף כל סוף, נאך מער ווי א שעה, זענען די צוויי מענטשן אויפגעשטאנען גרייטנדיג ארויסצוגיין פונעם שטוב. אויפן וועג ארויס האבן זיי נישט געקענט אויפהערן צו באדאנקען דעם חזון איש.

נאר נאכדעם וואס דער מאן און זיין פרוי זענען ארויסגעגאנגען, איז דער חזון איש אויפגעשטאנען צו גיין מיט די צוויי בחורים.

"איר וואונדערט זיך לכאורה," האט דער חזון איש אנגעהויבן צו זאגן פאר די צוויי בחורים בשעת זיי זענען ארויסגעגאנגען פון דער דירה, "פארוואס האב איך אייך געלאזט ווארטן אזוי לאנג, וואס איז פונקט געווען אזוי וויכטיג צו שמועסן מיט די צוויי מענטשן? לאזט מיר מסביר זיין. זעט איר, אז די צוויי מענטשן זענען נעבאך ארויסגעקומען פון די לאגערן אין אייראפא. זיי זענען געקומען קיין א"י האפענדיג צוריקאויפצובויען זייער לעבן. זיי האבן זיך מיישב געווען צו עפענען א נייען געשעפט, און זיי זענען געקומען צו מיר. איך האב נישט געקענט זיי ארויסהעלפן מיט געלט. אבער, די ווייניגסטע זאך וואס איך האב געקענט טון פאר זיי איז געווען צו געבן עצות. יעדע פרוטה וואס זיי לייגען ארײַן אין זייער געשעפט איז ווערט אסאך. וועגן דעם, האב איך פרובירט צו העלפן זיי מחליט זיין וואס צו קויפן פאר זייער געשעפט. עס איז געווען מיין מצוה צו העלפן זיי. אבער אין אמת'ן ארײַן, איז עס נישט נאר מיין מצוה, אבער עס איז אײַערע מצוה אויך. ווייל איר האט אויך א חיוב ארויסצוהעלפן יענע אידן. דורך אײַרע ווארטן, האט איר אויך מקיים געווען די מצוה, אזוי אויך ווי די אלע מענטשן וואס איך האב געלאזט ווארטן ביי די תנאים. מיר האבן אלע געהאט א חיוב צו העלפן די צוויי מענטשן עפענען זייער געשעפט כדי זיי וועלן קענען אויפבויען א נייע לעבן." האט דער חזון איש געענדיגט זאגן.

"און אזוי איז די סיבה," האט ר' יהושע פארציילט ווייטער פאר זײַנע קינדער שפעט ביי נאכט נאך די סדר, "דאס איז די סיבה פארוואס איך בין געגאנגען צו דער אלמנה מיט די יונגע קינדער און זיי געהאלפן מיט זייער סדר בעפאר איך בין אהיימגעקומען. ווייל עס ליגט אויף אונז אלע... מיך, אייך, און אויף אײַערע מאמע און באבע א חיוב צו העלפן יענער אלמנה, וויבאלד אז איר זענט אלע א חלק פון כלל ישראל. דורך דעם וואס איר האט געווארט אויף מיך מיט סבלנות אהיימצוקומען, האט איר אויך מקיים געווען די מצוה פון העלפן יענער צובראכענער משפחה די סדר נאכט." ר' יהושע, וואס איז אוועק עטליכע יארן צוריק איז געווען דער ברודער פון ר' חיים ברים, ז"ל.

זאגט די גמרא "שלשה סימנים יש באומה זו: הרחמנים, והביישנין, וגומלי חסדים וגו'" (יבמות עט.) דאס אידישע פאלק האט דריי סימנים, זיי האבן רחמנות אויף יענעם, זיי זענען שעמאודיק, און זיי טון חסד פאר א צווייטן. די חכמים גייען אזוי ווייט צו זאגן אז איינער וואס אים פעלט איינע פון די דריי מידות דארף מען אים חושד זיין אז ער איז נישט קיין איד! לאמיר אויסניצן די 49 מסוגלדיגע ספירה טעג, צו ארבעטן אויף די מידות ("מדה" איז בגמטריא 49), בפרט די מידה פון טון חסד פאר א צווייטען. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

גוט יום טוב אלע אידן. עס שטייט אין די הייליגע תורה אין די קריאה פון דעם זיבעטן טאג פון פסח: "נחית בחסדך עם זו וכו'" מיט אייער חסד האט איר אונז געפירט. (שמות טו,יג) דער פסוק רעדט דא פון דעם אויבערשטענ'ס השגחה איבער די אידן. אז לאמיר אביסל רעדן פון דער ענין פון השגחה פרטית.

מיר זעננען דער אויבערשטער'ס פאלק אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "...והייתם לי סגלה מכל העמים וכו'" (שמות יט,ה) אזוי ווי א מענטש טוט כסדר אנרירן זיין טייערע טאש זייגער צו זיין זיכער אז ער האט עס נישט פארלוירן, אזוי טוט דער אויבערשטער כסדר משגיח זיין אויף דעם אידישען פאלק. די אידן זעננען א חשובה זאך "בעיני ה'", ווייל ה' יתברך האט אונז ממנה געווען צו מקיים זיין זיין הייליגע תורה, און דערפאר טוט דער אויבערשטער כסדר משגיח זיין אויף אונז.

ווי מער מען גלייבט אז אלעס איז השגחה פרטית קען מען מער זיין בשמחה, ווייל אויב אזוי, האט מען נישט קיין דאגות. לאמיר יעצט פארציילען די פאלגענדע מעשה, א מעשה וואס גייט מחזק זיין אמונה אין די ענין פון השגחה פרטית.

א פרייער איד פון ארץ ישראל איז געקומען אמאל וואוינען דא אין ניו יארק מיט דער משפחה. דער איד איז געפארן קיין אמעריקע נאר וועגן פרנסה, ער האט געפלאנט צוריק צו פארן נאך אפאר יאר. אבער דער אויבערשטער האט געהאט אנדערע פלענער פאר אים און זיין משפחה.

איין זונטאג, באלד נאכדעם וואס זיי זעננען געקומען וואוינען דא, איז דער טאטע מיט דער משפחה און דריי קינדער ארויסגעפארן אויף א "טריפ" אינעם בערג פון ניו יארק. פלוצלינג, איז דאס וועטער שלעכט געווארן, און עס האט אנגעהויבען צו רעגענען שטארק. דער טאטע האט נישט אזוי גוט געקענט דעם וועג, ווייל ער איז קוים געקומען וואוינען דא. פלוצלינג האט דער טאטע פארלוירען קאנטראל פונעם קאר, און דער קאר איז געפלויגען אראפ פונעם בארג. די טאטע און מאמע וואס האבן זיך נישט צוגעבינדן מיט "סיט-בעלטס" זעננען ארויסגעווארפן געווארן פונעם קאר, און זיי האבן פערלוירען זייערע "הכרה". די דריי יונגע קינדער זעננען געבליבן אינעם קאר.

ווען די מאמע איז צוריקגעקומען צו, האט זי ארומגעקוקט און געזען אז איר מאן איז געלעגן שטיל אויפן ערד. די מאמע האט געזען אז דער קאר איז געשטאנען אויפ'ן זייט פונעם בארג . די מאמע האט נאר געטראכט וועגן די דריי קליינע קינדער וואס זעננען געווען אין דעם קאר. דער קאר איז געווען אויפן זייט פונעם בארג, און עס האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען, כאילו עס גייט באלד אינגאנצן אראפאלען פון דעם בארג.

די מאמע איז שנעל געגאנגען צו דעם קאר און ארויסגענומען צווי פון די קינדער. אבער ליידער, איינער פון די קינדער איז געווען אין א "בייבי סיט" אין דער "בעק" פונעם קאר, און די מאמע האט נישט געקענט צוקומען צו דעם קינד. די מאמע האט פרובירט צו עפענען דעם טיר, אבער זי האט נישט געקענט צוליב דעם דעמאדזש פון דעם עקסידענט. די מאמע האט נאך אמאל פרובירט צו ארויסנעמען דעם קינד, אבער זי האט פשוט נישט געקענט אים דערגרייכן, אירע הענט זעננען נישט געווען לאנג גענוג! די מאמע האט געהאלטן ביי יאוש, אבער מיט אלע כוחות הגוף והנפש האט זי נאכאמאל פרובירט צו ארויסנעמען דעם קינד.

הפלא ופלא, זי האט מצליח געווען ארויסצונעמען דעם קינד! די מאמע האט נישט געקענט משיג זיין ווי זי האט געקענט דערגרייכן דעם קינד!

נעבאך האט דער טאטע צוריקגעגעבן זיין נשמה ביים עקסידענט. ב"ה אז גארנישט איז געשען צו די קינדער. די מאמע איז געווען דריי חדשים אין שפיטאל און זי האט געהאט אסאך אפעראציעס. ווען די מאמע איז געווען אין שיפיטאל, האט זי דורכגעגאנגען די פאסירונגען נאכאמאל און נאכאמאל. די מאמע האט נישט געקענט משיג זיין ווי זי האט געקענט דערגרייכן דעם קינד. זי האט אנגעהויבען צו גלייבען אז עס איז געווען א מלאך, ווייל על פי דרך הטבע, איז עס פשוט נישט געווען מעגליך צו דערגרייכן אזוי ווייט! בקיצור, די מאמע איז געווארן א בעלת תשובה.

די מאמע איז צוריקגעפארן מיט איר דריי קינדערלעך קיין ארץ ישראל. זי האט געשיקט דעם קינדער צו לערנען אין פרומע מוסדות. וויבאלד די קינדער האבן קיינמאל נישט געהאט קיין ריכטיגע אידישע חינוך, איז עס געווען גאר שווער פאר די קינדער צו מצליח זיין אין לימודי קודש. פאר איין יונגל, דער צען יעריגער "עמי", איז עס געווען מער שווער ווי די אנדערע, ווייל ער האט קיינמאל נישט געלערנט קיין גמרא.

איין טאג, עמי איז אהיימגעקומען מיט זיין פנים נאס פון טרערן. די מאמע האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי שטארק. האט ער געענפערט: "מחר יש לי מבחן על הפרק החמישי של מסכת בבא קמא. ואני לא מבין את הגמרא. אני לא יכול להצליח!" ("מארגען האב איך א בחינה אויפ'ן פונפטען פרק אין בבא קמא. איך פארשטיי נישט די גמרא, איך קען נישט מצליח זיין!)

די מאמע האט פרובירט אים צו בארוהיגען, אבער זי האט נישט אזוי מצליח געווען. עמי האט געפילט אביסל בעסער, אבער זיין פנים איז נאכאלץ געווען נאס ווען ער איז געגאנגען שלאפען.

אינדערפרי, איז עמי אויפגעשטאנען מיט א גרויסן שמייכעל. די מאמע האט זיך געוואונדערט, וואס איז געשען ביי נאכט אז דער יונגל זאל אויפשטייען אזוי פריילעך.

"אמא," האט עמי אנגעהויבן צו זאגן, "איך האב נעכטן געחלומ'ט א גוטע חלום, און יעצט בין איך זיכער אז איך גיי מצליח זיין. איך האב געחלומ'ט פון טאטי! אינעם חלום בין איך געגאנגען מיט טאטי אויפן וועג. איך האב געזאגט פאר טאטי אז מיר זעננען אלע געווארן בעלי תשובה. טאטי האט מיר געענפערט: 'יא, איך ווייס. ווען איר זענט געווארען ערליך, האט מען מיר אריינגעלאזט אין גן עדן.'"

"נאכדעם," האט עמי פארציילט ווייטער, "האב איך געזאגט צו טאטי, אז מארגען האב איך א גרויסע בחינה אויף בבא קמא. טאטי האט מיך געענפערט: 'די פרק גמרא וואס דו לערנסט איז די זעלבע וואס איך לערן יעצט אין הימעל.' נאכדעם האט טאטי מיר געלערנט די גאנצע פרק גמרא. וועגן דעם ווייס איך אז איך גיי מצליח זיין!" עמי'ס רבי אין חדר איז געווען מוראדיק צופרידען מיט עמי, ווייל ער האט בעקומען 100% אויפן בחינה!

מען דארף נאר עפענען די אויגען צו זען אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט וואס פירט אלעס. **גוט יום טוב אלע אידן.**

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג (845) 362-3234